קאַרל עוואַלד.

# דער הײשעריק

(פון דער סעריע „מעשהלאַך פון דער נאַטור")

איבערגעזעצט

דורך יצחק װײַנשטאַט.

פאַרלאַג

„קולטור-ליגע"

ביאַליסטאָק.


ביאליס-
טאקער
ראיאן
קולטור
ליגע

103

# דער הײשעריק.

טיף אין אפריקע, דארט, װאו ס'װאױנען די שװאַרצע מענשן, איז זיך אַרומגעשפרונגען אין גראָז אַ הײשעריק און עפּעס געגעסן.

פּלוצלונג איז געקומען צופליען אַ שװעלבעלע, האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קוסט און האָט דערזען דעם הײשעריק.

— װער ביזטו? — האָט געפרעגט דער הײשעריק.

די שװעלבעלע האָט זיך פאַרנײגט. זי איז גע־װען זײער גוט אויפגעלײגט, װײל זי האָט זיך געקליבן מאָרגן אװעקפליען צוריק אַ הײם, און זי האָט אָנגעהויבן צו צװיטשען איר לידעלע:

איך, קליינינקע שוועלבעלע,
בייִנק נאָך מײַן וויג,
כ׳דערוואַרים דאָס הערצעלע —
און פֿלי באַלד צוריק...

דער ווינטער, דער קאַלטער,
ער האָט מיך פֿאַריאָגט,
ער האָט מיך געטריבן,
ער האָט מיך געפּלאָגט...
די גרינינקע בלעטעלע
ט׳מיר ניט פֿאַרבײַטן
מײַן ליבינקע נעסטעלע
אינם צפון דעם ווײַטן...

— ברוך הבא! — האָט אויסגערופֿן דער הײַ־שעריק. איך בין זייער צופֿרידן מיט דיר זיך צו באַקענען. דאָ, ווי דו זעסט, איז דאָ עסן איבער־גענוג — ס׳וועט גענוג זײַן פֿאַר אַלעמען.

כ׳צולאָז מיר די פליגעלאך
און פלי באלד צוריק
צו היימישע וועלדעלאך, —
טשיק, טשוריק, טשיריק...

— אַזוי, אַזוי, — האָט געזאָגט דער היישע־ריק — פליסטו, הייסט דאָס, אַוועק? אַ שאָד! מיר וואָלטן דאָ געקענט זייער גוט פאַרברענגען. דו האָסט דאָך, ווי איך הער, אַ אמתן כלי־זמרישן טאַלאַנט!

— אַזוי זאָגט מען — האָט עניוותדיק גע־ענטפערט די שוועלבעלע — און ווער ביזטו?

דער היישעריק האָט איר אויך געענטפערט מיט א לידל. ער האט אָנגעהויבן מיט אַ זייער דינגינקן קול:

איך בין דער היישעריק,
כ׳שפרינג אַהער און שפרינג צוריק,

כ׳פרעס מיך אָן מיט גראָז און היי
און גיי אַ טענצל—אָט אזוי...

ט׳איז מיין בעסטער, ליבסטער ליד:
טילי—טאָפּ, טילי—טאָפּ,
כ׳עס און ווער קיינמאָל ניט מיד,
אויף מיין גורל קלאָג איך ניט...
האָפּ—האָפּ—האָפּ, האָפּ—האָפּ—האָפּ!

דו ביזט אויך אַ מוזיקאַנט ? — האָט געפרעגט די שוועלבעלע.

— אַ קשיה!—האָט געענטפערט דער היישעריק — איך שפּיל, דארפסטו וויסן, די ערשטע פידל אין אַפריקע... דאָס מאַכט דיר אָבער כבוד, וואָס דו קענסט מיך הערן. אנדערע, די מענשן למשל, קענען עס גאָרניט הערן.

— אָ, די מענשן! — האָט מיט שנאה אויסגערופן די שוועלבעלע.

— זיי הערן נאָרניט און זעען נאָרניט און מיינען אז זיי זיינען בעסער פאר אונז. מיין חתן נעמט טיפערע טענער. זיין פידעלע הערן זיי שוין — האָט געזאָגט דער הייזשעריק.

— וואו זשע געפינט ער זיך דער אינסטרו-מענט דיינער? — האָט געפרעגט די שוועל-בעלע.

—אָט אָ דאָ,—האָט געענטפערט דער הייזשעריק, אויפהייבנדיק די הינטערשטע פיסל — אָט דאָ אין קלעמב. דאָס איז איינע פון די שענסטע פידעלאך, וואָס דו קענסט זיך עס נאָר פאָר-שטעלן. און אלם סמיק רינגען מיר די פליגע-לאך.

— זייער אינטערעסאַנט, — האָט געזאָגט די שוועלבעלע.—און דיין געהער איז בלתי ספק, גוט.

— די אויערן מײַנע זײַנען אויף די פֿאָדער־שטע פֿיסלאַך — האָט געזאָגט דער הײַשעריק.

— וואונדערבאַר!—האָט אויסגערופן די שוועל־בעלע.

פֿון גראָז האָבן זיך דערהערט קלאַנגען פֿון אן אנדער פֿידל.

— אנטשולדיק, — האָט געזאָגט דער הײַשע־ריק — דאָס איז מײַן חתן, הײַנט האָבן מיר חתונה.

— כ'ווינש אײַך פֿיל גליק! — האָט געזאָגט די שוועלבעלע.

נאָר דער הײַשעריק, ניט אויסהערנדיק אַפֿילו דער שוועלבעלעס ברכה, איז געשווינט נעלם געוואָרן.

— סא ווײַסל, שוין נעלם געוואָרן! סארא ריזעוודיקע, באַוועגלאַכע פֿיסלאַך ער האָט! —

האָט אַ קלער געטאָן די שוועלבעלע. זי איז געבליבן זיצן אויפן קוסט, ווײַל זי האָט באַשלאָסן שוין הײַנט, בין השמשות־צײַט, אוועקפליִען צוריק אויפן צפון.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן ווערן פינסטערלאַך, איז צוריק אַרויס פון גראָז דער הײַשעריק.

— פאַרטיק, —האָט ער געזאָגט.

— כ'קען דיר שוין אָפּגעבן מזל־טוב ? — האָט געפרעגט די שוועלבעלע.

— נישט כדאי— האָט געענטפערט דער הײַשעריק. —פאַר מיר און מײַן מין איז די חתונה דער אָנהויב פון סוף. איצט איז מיר געבליבן נאָר לײַגן די אײַעלאַך און, אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע, אויסציִען די פיסלאַך און שטאַרבן.

— און דײַן מאַן ?—האָט געפרעגט די שוועל־

בעלע.

—ער וועט שטארבן ניט שפּעטער, ווי היינט בייכאכט, אויב ער איז שוין ניט ערגיץ געש־טארבן.

— א שרעק!—האט אויסגעשריען די שוועל־בעלע — און ביי אנדערע איז דאך דא א גע־טעלע מיט קנידעלאך און א ליבער מאן, וואס זינגט לידעלאך, ווען...

— זיי מיר מוחל, שוועלבעלע, וואס איך שלאג דיר איבער אינמיטן! — האט געזאגט דער היישעריק.—אט דאס, וואס דו דערציילסט, איז נישט מער, ווי א געוויינלאכע פויגל־פלוידעריי, וועלכע איך, דעם אמת זאגנדיק, האב גאר קיין חשק ניט אויסצוהערן. דו האסט דאך שוין עפּעס א סך ארומגערייזט איבער גאטס גרויסער וועלט און זיך, מן הכתם, א סך אנגעזען, דערי־

כּער, לאָמיר בּעסער ריידן צו דער זאַך, ווי דערפאַרענע מענשן. כ׳ווייס, אנדערע זינגען פאַר דער חתונה, אנדערע נאָך. יעדער לעבּט אויף זיין שטייגער. נאָר נאַראָנים מיינען, אז נאָר ווי זיי לעבּן, איז רעכט.

די שוועלבּעלע האָט דערויף גאָרנישט גע-ענטפערט. דער היישעריק האָט אָנגעהויבּן פרעסן מאַסנווייז די גראָז. אָנעסנדיק זיך צו זאַט, האָט ער אַלץ צוריק ארויסגעשפּיגן.

— עפּעס מאָדנע זיטן האסטו, בּעת דו עסט — האָט געזאָגט די שוועלבּעלע.

— דו אלץ דאָס דיינקע! — האָט אויסגערופן דער היישעריק. — איך עס מיר אויף מיין שטייגער. די שטרוי, דארפסטו וויסן, איז ניט פאַר מיין מאָגן. איך זויג נאָר אוים די זאַפט. דו פאַר-דייסט דאך אויך ניט אַלץ, וואָס דו עסט אויף.

— אוראי ניט!—האט געענטפערט די שוועל-בעלע.— נאר איך וואַרף עס דאך אַרוים אויף אַן אנדער אופן.

— און דו מיינסט, אַז דאָס איז שענער!—האָט געפרעגט מיט אַ געלעכטער דער היישע-ריק,— נאָר גענוג! לאָמיר זיך ניט שפּאַרן איבער קיין נארישקייטן. זאָג נאָר מיר בעסער... דו זיצסט העכער פאַר מיר... דאָ אַרום איז עפּעס דאָ אַ סך גראָז?

— אַרום און אַרום, אויף וויפיל איך קען נאָר פאַרכאַפּן מיטן אויג, זע איך רק גראָז און גראָז — האט געזאָגט די שוועלבעלע—דאָ וועט סטײַען גראָז אפשר פאַר מיליאָנען היישעריקן.

— ס'איז אָבער אַלץ ווייניק — האָט געזאָגט דער היישעריק — דאָ, בײַ אונז איז זייער היים, און אויב עס וועלן כסדר שטײַן אַלץ אזוינע

טרוקענע וועטערן, בעת עס וועלן זיך אויספּיקן אונזערע קינדערלאך, — וועט זיין א נעוואַלטיקע נערעטעניש אויף היישעריקן; דאמאָלסט וועט אָט דאָס ביסל גראָז ניט קלעקן.

— כ'מיין, באמת? — האָט פאַרוואונדערט נעפרעגט די שוועלבעלע, — וואָס טוט איר דאן אין אזאַ פאַל?

— מיר הויבן אָן צו וואַנדערן — האָט נעענט־פערט דער היישעריק.

— יע, — האָט געזאגט די שוועלבעלע — דו קענסט זייער גוט שפּרינגען; כ'האב אליין געזען.

— הער נאר צו, שוועלבעלע! אין די מקומות, פון וועלכע דו קומסט, איז עפּעס דאָ אַ סך גרינס?

— אוראי! — האָט פריילאך אויסגערופן די שוועלבעלע — זומער איז עס די גרינסטע לאַנד

אין דער וועלט. פעלדער און וועלדער, לאנקעס און זומפן—אלץ, אלץ איז באדעקט מיט גרינס, און אזוי שיין!..

— איכ'ל ווענן דעם א קלער טאן — האט געזאגט דער הײשעריק.

— קלער זיך וויפיל דיין הארץ גלוסט — האט מיט א געלעכטער באמערקט די שוועלבעלע. — נאר ניט דו, מיט דיינע דינינקע, קורצינקע פליגעלאך ביזטו ביכולת זיך אהין צו דער־קלייבן. ס'איז א מהלך-רב, הונדערטער מיילן!..

— איך פלי נאך בעסער, ווי דו קענסט זיך נאר פארשטעלן—האט געענטפערט דער הייי־שעריק. —אויב נאר דער מאגן מיינער איז נישט פול, און איך האב ניט אין זיך קיין סך אייעלאך, פלי איך זייער גיך. אט, ווי דו זעסט, איז מיין גאנצער גוף פול מיט א סך פוסטע ערטער. איך

נעם אין זיך אָן אַ סך לופט—און דאמאלסט נייט עס, ווי געשמירט.

— אדרבא — האט געזאגט די שוועלבעלע —איכל זײַן זייער צופרידן צו טרעפן דארטן עטלאבענע פון דײַנע קינדערלאך.

— עטלאבענע! — האט מיט חוזק אויסגערופן דער הײַשעריק,—נ-ניין, ליבינקע, האסט מיר ניט פארשטאנען. ווען דער הײַשעריק באווײַזט זיך וואו, איז ער כחול הים, ניט איבערצוציילן.

— זעסטו, — האט ווייטער געזאגט דער הײַ-שעריק—דו האסט א מאן און קינדערלאך און א נעסט דארט; ערגיץ אויפן צפון, מיינסטו, אז דיין קיום האט עפעס אַ געוויסן זין. דער הײַשעריק אבער קלערט גאר קיינמאל ניט, אז איינער אליין האט ער עפעס א זין אויף דער וועלט. קלייבן מיר זיך אבער אויף אלע צוזאמען,

דאמאלסט, א, דאמאָלסט זײַנען מיר די שטאַרק־סטע אין דער װעלט. קײנער קען אונז ניט אײַנהאַלטן. קײנער קען ניט אונז זיך אַנטקעגן שטעלן. מיר פאַרניכטן אַלץ, װאָס מיר מרעפֿן אויף אונזער װעג. װילסטו הערן אונזער מלחמה־לידל?

— מהכי תיתי — האָט געענטפֿערט די שװעל־בעלע — נאָר מיר דוכט, אַז דו ביזט אַ ביסל מגזם.

— נו, טו הער זשע! — האָט געזאָגט דער הײשעריק, און פֿירנדיק מיטן סמיק איבער זײַן פֿידל, האָט ער זיך צוזונגען:

װאָס מיר ים און װאָס מיר װאַסער!
קײן שום זאַך קען אונז ניט שטערן,
אויף צופּוקעניש די שונאים
האַלטן מיר זיך אין אײן מערן..

און מיר פרעסן און מיר פליען...
אונזער מאכט איז פעלון-פעסט
און מיר ברענגען אום די מענשן
און די חיות דורך דער פעסט.
אומעטום, וואו נאר מיר ווילן,
ברענגען מיר די פעסט-באצילן:
מיליאנען, ביליאנען,
טריליאנען, קוואדריליאנען...
און, ווי קינדער פון איין מאמע,
פליען שטענדיק מיר צוזאמען
איבער פעלדער, איבער וועלדער,
איבער שטעט און איבער ימען
פרייליך, מונטער, טולי-טאפ,
און מיר טאנצן האפ-האפ-האפ!..

— ניט אזוי אנגענעם דער לידל דיינער — האט געזאגט די שוועלבעלע. — נאר זאלן מיר דערלאזן, אז אלץ, וואס דו זאגסט איז ריכטיק;

טא וואָס־זשע טוט איר אבער, אַז איר עסט שוין אלצרינק אויף?

—כ'ווײס ניט,—האט געענטפערט דער הײשע־ ריק—כ'ווײס נארנישט. נו, שוין צײט צו לײגן די אײעלאך.

און אויסגראָבנדיק דארט, וואו ער איז געוועסן, אַ גריבעלע אין דער ערד, האט דער הײשעריק אנגעלײגט אַ קופקעלע אײעלאך.

—דאָ זײנען דאָ 25 שטיק—האט ער געזאָגט. נאכער האט ער אויסגעגראָבן נאך אַ גריבעלע און אנגעלײגט נאך אַזא קופקעלע.

— האַאַאַ, אַ ביסל גרינגער געוואָרן—האט ער געזאָגט.— געבליבן איז נאך כך הכל 25 שטיק. ווי נאר דער הײשעריק האט אָפּגעלײגט די לעצטע ביסל אײעלאך, איז ער געוואָרן זײער מיד, די קעפּל און די פליגעלאך האבן זיך אנ-

טעכטיִק אַראָפּגעלאָזן.

— כ'האָב זיִי פּארזאָגט, אז זיי זאָלן אוועק אויפֿן צפון — האָט געזאָגט דער היִישעריִק— דאָרטן-וועלן זיִי אפשר געפיִנען גריִנגע געגנטן.

— קיִין ביִיז אויג זאל זיִי ניִט שאָדן!—האט צוגעוויִנשעוועט די שוועלבעלע.

— כ'שמארב, — האָט קוים-קוים, מיִט די לעצטע כחות, אַרויסגעזאגט דער היִישעריִק, און איִז טאקע באַלד אַניִדערגעפאַלן אַ טויטער אויפֿן גראָז.

---

סוף חודש מאַי, ווען די שוועלבעלע איז שוין לאנג געווען אויפֿן וויִיטן צפון און געזעסן אויף אירע אייעלאך, וואַרטנדיִק מיִט אומגעדולד, אַז אָט—אָט וועלן זיִך אויספּיִקן קליִיניִטשקע פֿוי- געלאך—איִן דערזעלבער צייט זיִינען איִן אפריִ-

קע אַרויסגעקראָכען פֿון דער ערד דעם היי־שעריקס קינדער.

זיי זיינען געווען, ווי צוויי טראָפּן וואַסער,— די מאַמע זייערע, נאָר א ביסל קלענער און אן פליגעלאך. זייער ערשטער אויסגעשריי איז גע־ווען, ווי ביי אלע קינדער: — עסן, עסן!

זיי פלעגן עסן פֿון אינדערפֿרי ביז ביינאַכט. די מער פֿלינקערע פֿון זיי פלעגן די נאַכט אויך ניט אויסנלאזן

ווען די שוועלבעלע וואָלט איצט געזעסן אויפֿן קוסט, וואָלט זי שוין פֿאַרשטאנען, וועגן וואָס ס'האָט זיך אזוי געדאנהט די מאַמע־היישעריק.

דער וועטער איז געווען אויסגעצייכנט, און היישעריקן, ווי ס'האָט פֿאָראויסגעזאָגט די מאַמע האָבן זיך געמערט ניט פֿון טאג, נאָר פֿון שעה. די גאנצע סביבה אַרום האט געשווימלט און

נעגריבלט פון די קלײנע זולל-וסובאניקעס.

זײ פלעגן קײנמאָל ניט זײַן זאַט. זײ פלעגן עסן אָן אַן אויפהער און באַלד טאַקע אַלץ צו-ריק אויסשפּײַען. זײַנען קײַן צוויי מעג ניִשט אַדורך, און דער גאַנצער געגנט אַרום איז גע-בליבן אָן איין גרעזעלע, אָן איין גריניניקן שטענ-געלע. אַפילו די בלעטער פון די נידעריקע קוס-טעס זײַנען צופרעסן געוואָרן, און ס'האָבן גע-כמאַרטשעט די הײלע צווײַגעלאַך, פּונקט ווי ווינטער.

דער בילד איז געווען אַ טרויעריקער. נאָר די דאָרטיקע תּושבים, די שוואַרצע מענשן, האָבן זיך געפרײט. זײ פלעגן זיך פאַרנעמען מיט ערד-אַרבעט. קײַן בהמות, וועלכע מ'באַדאַרף קאָרמע-נען מיט גראָז און היי, האָבן זיי ניט געהאַט. אַזוי אַרום האָט זײ דער היישעריק קײַן שום שאָדן ניט געבראַכט. חוצדעם האָבן זײ געגלויבט,

אַז דער היישעריק איז אַ מין היליקע באַשע־פעניש, געשיקט פון גאָט. נאָר, ניט קוקנדיק אויף דעם, פלעגן זיי מיט פאַרגעניגן זיי עסן; געבראָטענע היישעריקן זיינען געווען ביי די שווארצע פון די גרעסטע מאכלים.

אויפפרעסנדיק אלץ, וואס ס׳האט זיך נאר גע־לאזט, זיינען די יונגע היישעריקן ארויס מיט א נייעם זמרל:

—עסן.. עסן... מיר גייען אויס פון הונגער!...

און אָט האָבן זיי אנגעהויבן צו וואנדערן.

עטלאכע פון זיי זיינען אַוועק צו צפון צו... דאָס זיינען געווען די, וועלכע די מאמע־היישע־ריק האָט אָנגעזאָגט פאַרן טויט, אַז זיי זאָלן אַוועק אהין, צו די גרינע געגנטן פונם ווייטן צפון. צו זיי האָבן אָנגעהויבן צושטיין אויך א סך אַנדערע.

די מחנות, וואָס האָבּן זיך געצויגן צו צפון צו, האָבּן זיך אַלץ געמערט און געמערט. אויף זיי האָבּן זיך פאַרקוקט נאָך אַנדערע גרויסע מחנות הונגעריקע הײַשרעקן—און אַלע צוזאַמען האָבּן געבּילדעט אַ געוואַלטיק־גרויסע אַרמײַ, וואָס האָט געהאַלטן אַלץ אין אײַן וואַקסן און וואַקסן אין דער לענג און אין דער בּרייט. געגאַנגען זײַנען זיי אַלע צוזאַמען, געדיכט אײנער לעם אַנדערן, אַזוי, אַז די הינטערשטע פלעגן אָפּטרעטן די פּיס בּײַ די פאָדערשטע. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַן אַרמײַ סאָלדאַטן, וואָס פאַרגיכטעט און פאַרוויסט אַלץ, וואָס עס טרעפט זיך איר נאָר אויפן וועג.

קײַן שום זאַך האָט זיי ניט געקענט אָפּהאַלטן. די גרעסטע אַזיערעס אָדער בּלאָטעס פלעגן זיי ניט פאַרהאַלטן אויף קײַן מינוט. די ערשטע שורות פלעגן זיך מוטיק וואַרפן אין וואַסער אַרײַן, די אַנדערע, דריטע, פערטע שורות, פלעגן

זײ נאָכטאָן, אזוי לאַנג ביז דער וואַסער פלעגט ווערן אַזוי געדיכט, אַז די איבעריקע מחנות היישעריקן פלעגן אים אריבער אָן שום שוועריקייטן, ווי אויף דער טריקעניש. ס'איז קיין גרויסער אומגליק ניט געווען, וואָס, נאָך אַזאַ בעדל, פלעגן מיליאָנען היישעריקן דערטרונקען ווערן; ס'פלעגט בלייבן גענוג, חוצדעם פלעגט יערן טאָג צוקומען אַלץ פרישע און פרישע מחנות.

— עסן, עסן!—פלעגן זיי רק שרייען און גיין אַלץ ווייטער און ווייטער.

די פויגעלאך פלעגן אויפפרעסן די היישעריקן אַזוי פיל, וויפיל זיי זיינען נאָר געווען בכוח; די מוראַשקעס פלעגן מיט זיי פאַרבייסן; מאַסן פון זיי פלעגן אויפעסן די יאזשן—מיט איין וואָרט, ווער פון די חיות ס'האט נאָר געקענט האָט זיי ניט געשוינט. מחנות העלפאַנטן, נאָזהערנער און אַנטילאָפן פלעגן צענדליקער טויזנטער היישעריקן

צוטרעטן מיט די פֿיס. נאָר אַט די אַלע פֿאַר=
לנסטן זײַנען פֿאַר די הײַשעריקן ניט געװען
אַפילו פֿילבאַר. װיפֿיל ס'פֿלעגט ניט אומקומען
פֿון זײ איז דאָך זײער אַרמײ ניט געװאָרן אױף
אַ האָר קלענער; פֿאַרקערט, זי פֿלעגט האַלטן רק
אין אײן װאַקסן, ס'פֿלעגן צוקומען אַלץ פֿרישע
און נײַע מחנות און האָבן זיך אַלע צוזאַמען
גערוקט אַלץ פֿאָראױס און פֿאָראױס צו צפֿון צו.

װאו נאָר דער הײַשעריק פֿלעגט קומען, פֿלעגט
ער מיטברענגען מיט זיך נאָר חורבן און טױט.
די העלפֿאַנטן און אַנטילאָפּן, פֿלעגן מוראדיק
רימשען פֿון הונגער, װײַל נאָכן הײַשעריק פֿלעגט
פֿאַר זײ ערטװעגן ניט בלײַבן קײן גרין בלעטעלע.
אַפילו אַ טרונק װאַסער איז אױך ניט געװען
בנמצא, װײַל אַלע אָזיערעס, טײַכן און װאַסערן
זײַנען געװען איבערפֿולט מיט פּגרים פֿון טױטע
הײַשעריקן, װאָס האָבן דאָרט געפֿױלט און פֿאַר=

פעסטעט די לופט. פארשיידענע מינים אינזעקטן פלעגן אומקומען, ווייל זיי האבן ניט געהאט קיין בלעטלאך, וואס זיינען געווייטלאך פאר זיי אזי דאס עסן אי א היים; ס'פלעגן אויסשטארבן אויך די פויגעלאך, ווייל זיי פלעגן ניט קענען געפינען קיין אינזעקטן ניט פאר זיך און ניט פאר זייערע קינדערלאך.

און די יונגע היישעריקן פלעגן גיין אלץ ווייטער און ווייטער.

איינמאל, ביינאכט, האבן די היישעריקן זיך אפגעשטעלט. דער גאנצער שטח, וואס איז געווען דורך זיי פארנומען, האט אויסגעזען, ווי א ברוינער באהעגלאכער טעפיך.

— אָ, איך פלאץ! — האט אויסגעשריען איינער פון די יונגאטשעס.

— מיר פלאצן, מיר פלאצן, מיר פלאצן! — האט געדונערט ארום און ארום.

און זײ האָבן אָנגעהויבן פּלאַצן.

פאַר דער לעצטער צײַט האָבן זײ זיך געהאַט אַזוי אָנגעפרעסן און זײַנען געוואָרן אַזוי גראָב און גרויס, אַז די אַלטע הײַטלאַך זײַנען שוין געוואָרן פאַר זײ צו קלײַן און האָבן זיך צופּלאַצט; פון זײ זײַנען די הײַשעריקן אַרויסגעקראָכן אין נײַ-אינקע הײַטעלאַך, וועלכע זײַנען געווען אונטער די אַלטע. דער הײַשעריק וואַקסט מאַקע אויף אַזאַ אופן. אויף צומאָרגנס, ווען זײ האָבן זיך ווידער אַוועקגעלאָזן אין וועג אַרײַן, איז דער גאַנצער שטח אַרום געווען באַדעקט מיט אַ שיכט פון אַלטע הײַטלאַך.

פינף מאָל האָבן זײ אויף אַזאַ אופן געפּלאַצט און מיט יעדן מאָל געוואָרן אַלץ, גרעסער און גרעבער. און די לופט האָבן פאַרטויבט זײערע געשרײַען: עסן, עסן! אַלץ ניכער און גיכער האָבן זײ זיך באַוועגט צו צפון. אין אַ עטלאַכענע

טעג ארום האָבן זײ באדארפט שוין צום פינפטן מאל אראָפּװארפן פון זיך די אלטע הײטלאך.

זײ האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געמאכט דאָ װײער געצעלט, אָדער, בעסער געזאָגט, טױזנטער געצעלטן, װײל די ארמײ זײערע איז די לעצטע צײט געװאָרן זײער גרױס. א געװאלדיקע גערעטעניש איז דעם יאָר געװען אױף הײשעריקן, װי ס'האָט פאָראױסגעזאָגט די מאמע-הײשעריק.

הײנטיקן מאָל אָבער איז אין זײער לאגער געװען א סך א גרעסערער טומל, װי שטענדיק.

הײשעריקן זײנען געװען אזױ פיל, אז מומלעגדיק און דרײענדיק זיך, פלעגן זײ זיך צוקלאפן אײנער אָן אנדערן. נאָר—א װאונדער—איצט האט קײנער פון זײ ניט געשריען: עסן! און קײנער פון זײ האָט ניט אױסגעשפּיגן די גראָז, מיט װעלכער ער האָט זיך פריער אָנגעפרעסן. ס'איז געװען צו באמערקן, אז זײ גרײטן

זיך אלע צו עפּעס זייער ווילטיקעס. זיי האָבן גענלאָצט איינער איפן אנדערן מיט משוגה־גרויסע אויגן און געפּירט א שטילן שמועס צווישן זיך.

— היינט ביינאכט וועט עס געשען — האָט א זאָג געטאן איינער פון זיי.

— היינט ביינאכט... היינט ביינאכט... היינט ביינאכט.. — האט געזשומעט אין אלע ווינקע־לאך.

פון די סך מיליאנען הייערוקן איז ניט גע־ווען איינער אפילו, וואס זאל בלייבן גלייכגילטיק אין דער דאזיקער נאכט. אלע האבן עפּעס מיט א מאדנעם יראת הכבוד און אומגעדולד גע־הארט אויף וויכטיקע געשעענישן.

פלוצלונג, ווי דורך א קאמאנדע, האבן אלע הייערוקן געפּלאצט. נאָר איצטיקן מאל איז

דער סך הכּל געווען נאָר אַן אַנדערער, ווי פֿריִער, אין די פֿאַבריקע מאָלן.

איצט זײַנען פֿון די אַלטע הײַטלאַך אַרויסגע־קראָכן גרויסע, דערוואַקסענע הײַשעריקן מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצײַג, מיט פֿליגעלאַך און פֿי־דעלאַך.

יעדער איינער פֿון די הײַשעריקן האָט איצט פֿאַרמאָגט פֿיר שײַנינקע, רײנינקע פֿלי־געלאַך. אַט די מעשה, האָט זיי, ווײַזט אויס, שטאַרק הנאה געטאָן: זיי האָבן געקלאַפּט מיט די פֿליגעלאַך, געזשומעט, געטרעשטשעט און גע־פֿלוידערט, געפֿלוידערט אָן אַ סוף. און ווען זיי אַלע האָבן צולאָזן די פֿליגעלאַך, האָט אויסגעזען, ווי זייער מחנה האָט זיך פֿאַרטאָפּלט.

ווען די זון איז אויפֿגעגאַנגען האָט איינער פֿון זיי אויסגעשריִען:

— עסן, עסן, עסן!

— עסן, עסן, עסן! — האָבן אים גענטפערט מיליאנען חברים.

ארום איז קיין עסנווארק ניט געווען. נאָר דאָס האט זיי איצט קנאפּוואָס געארט: זיי האבן דאָך שוין געקענט פליען. ביי אלעמען זיינען די מאָגנס געווען פוסט, ווייל זיי האָבן שוין א לענ־גערע צייט גאָר אין מויל ניט געהאט. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך אָנפּאָמפּען מיט לופט, אזוי לאנג, ביז זיי האָבן זיך אנגעבלאָזן, אז זיי האָבן אויס־געזען ווי קליינע לופטבאלאָנלאך.

ערשט דאן האָבן זיי צולאָזן זייערע פליגעלאך. דא האָט איינער פון זיי אנגעהויבן אנשטעלן די פידעלע זיינע. ס'האבן אים באלד נאָכגעטאן מיליאָנען חברים. און ווען די גאנצע מחנה האָט זיך אויפגעהויבן אינדערהויך, האָט איבער דעם פארוויסטן לאנד געקלונגען דאס ליד...

הייסעריק מיר, הייסעריק...

זיי האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער. ס'האט נאך קיינמאל קיינער ניט געזען אזא מחנה אינדערלופטן. ווי א געדיכטער וואלקן האט זי פאַרדעקט די זון, און אויף דער ערד איז געווארן חשך-מצרים. די שוואַרצע מענשן זיינען פון שרעק און צוטומלעניש געפאלן מיטן פנים צו דער ערד; זיי האבן געמיינט, אז די זון ווערט פארלאשן, און ס'איז אַן עק פון דער וועלט.

נאָר אַלץ בּיז א סוף. ווען די מחנה איז אנט־רונען געוואָרן צו צפון צו, האט זיך די זון ווי־דער באוויזן, און א פּריש גרעזעלע האט אָנגע־הויבן אומזיכער ארויסקוקן פון דער פארוויסטער ערד.

אויפן סאמע צפון־אפריקע, בּיים מיטללאנ־דישן ים, ליגט איינע פון די שענסטע געגנטן אין דער וועלט.

רעגן און שיינער וועטער בייטן זיך דא אין
דער מאס און צו דער צייט, און ברויט וואקסט
דאָ אויסגעצייכנט. די גראז אויף די לאנקעס
דערגרייכט אזש דעם וואוקס פון א מענשן, און
אויף די בערג בלעכן זיך די צווייגן אונטער דער
משא פון די גרויסע, זאפטיקע טרויבן. דארטן
אין יענעם געבענשטן לאנד, ווייס מען ניט פון
קיין אומעטיקן קאלטן ווינטער. נאָר אויף א
קורצע צייט רוען מכלומרשט אפ די געוואוקסן
כדי דערנאך מיט נאכמער פראכט צו בליען.
ס'זיינען אָבער דארט ניטא אין קיין ברענענדיקע
היצן, ווען די זון פארברענט די גראז, ווען
טייכלאך און אָזיערעס ווערן אויסגעטריקנט
און מענשן און חיות לעכצן נאך א טרונק.
קוואלן ריינע, דורכזיכטיקע וואסער רייסן דורך
די פעטע, פרוכטבארע ערד, און די זון מיט
אירע גאָלדענע און פורפור-רויטע שטראלן,

שפּינגלען זיך און באָדן זיך אין זיי. קיין ווילדע בלוט דורשטיקע חיות איז דאָרט ניט צום טרעפן ווייל מ'האָט זיי שוין לאנג פון דאָרטן אויסגעראָטן. און די געדיכטע, סודותפולע וועלדער שפּרינגען אָרום הירשן, און לוסטיק שטיפן פויגעלאך. אָרום די שיינע, שמעקעדיקע בלומען דרייען זיך בינען און פאַרשיידנפאַרביקע פלעטערלאך.

דאָ לעבן, צופרידענע מיט זייער גורל און איינער מיטן אנדערן, מענשן מיט געזונטע פנימער, אפּגעבריענטע פון דער זון.

אין איינעם פון די דערפער פון יענעם געבענשטן לאַנד, אין אַ יום-טוב-טאָג איז עס געווען, האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ סך מענשן פאַר א חופּה, וואו ס'איז פאָרגעקומען א חתונה.

אלעמען איז געווען זייער פריילאך, און אינ-

אוונט האָט באַדאַרפט ווערן נאָך פריילאַכער: ס'האָבן זיך באַדאַרפט אָנהויבן די טענץ. מאַמעס זײַנען געקומען מיט קינדער אויף די הענט, אַלע האָבן געוואָלט אָנטײלנעמען אין דער אַל־געמײנער שמחה. די כּלי־זמר האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענצושטעלן זייערע כּלים און זיך גענומען צו דער מלאכה. זיי האָבן נאָר געוואַרט ביז דער אַלטיטשקער, דער עלטסטער אין דאָרף זאָל ענדיקן זיין דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן צו חתן־כּלה.

— דאָ וועט איך זײַן בעסער, ווי אומעטום — האָט פאַרענדיקט דער אַלטיטשקער — אויב איר וועט זײַן גוט און ערלאַך, וועט איך נאָך ברוך הוא, שענקען פון אַלדאָס גיטס, די ערד וועט איך געבן מיט דער פולער האַנט, און איר וועט קיינמאָל ניט ווּסן, וואָס עס איז אַזוינס נויט...

ער האט געדריקט חתן־כלה די הענט, און אלע געסט האבן געשריגן הורא... פלוצלונג האט אימיצער אנגעוויזן מיטן האנט אויפן דרום און אויסגעשריגן:

—זעט, נאר, רבותי!.. זעט, או־או, סארא שווארצע כמארע! כ'האב מורא, אז אינאווענט וועט זיין א שלאקס־רעגן!

— אין דער צייט פלעגט ביי אונז קיינמאל ניט רעגענען — האט געזאגט דער אלטיטשקער —פאר די גאנצע הונדערט יאר, וואס איך לעב דא, האט נאך אזא ווינט, ווי דער היינטיקער, קיינמאל קיין רעגן ניט געבראכט.

—טא וואס־זשע זאל באדייטן אט די כמארע?
—האט מען אים געפרעגט פון אלע זייטן.

אלע האבן זיך פארקוקט אויף דער זייט, פון וועלכער ס'האט זיך געטראגן די כמארע. קיינער

אבער האט ניט געקענט באשטימט זאגן, וואס זי וועט מיט זיך ברענגען.

און די כמארע איז געווען זייער גרויס. זי האט אויסגעזעהן א סך געדיכטער, ווי א פשוטע רעגנכמארע. זי האט זיך געהאלטן נידעריק פון דער ערד. אט איז זי געווארן אלץ נעענטער און נעענטער, אויסוואקסנדיק אין די אויגן. די מענשן, וואס האבן אויף איר געקוקט, האבן שוין געפילט, ווי עס ווערט אלץ פינסטערער און פינסטערער.

— וואס זאל עס באדייטן?

ס'האבן זיך צונויפגעקליבן גאנצע געזעמלען מענשן, האבן געקוועטשט מיט די פלייצעס געפרעגט איינער ביים אנדערן, זיך באלד אליין טאקע געענטפערט, געבליבן מיט דער איינענער תשובה ניט צופרידן און באלד טאקע געשטעלט איינער דעם אנדערן ווידער קשיות. קליינע קינ-

דער האבן זיך דערשראקן און אנגעהויבן צו שרייען. די מאנסבילן זיינען געווארן ערנסט; די פרויען אומרואיק.

אומזיסט האט דער חתן זיך געבעטן ביי די געסט, אז זיי זאלן זיך בארואיקן און נעמען עפעס אין מויל אריין, אומזיסט האבן די כלי־זמר זיך געפרובירט צושטרויען דעם עולם מיט מוזיק— אלע האבן געפילט, אז ס׳איז עפעס ניט גלאטיק, אלע זיינען געזען, ווי פארשטיינערט, האבן זיך געגורעט איינער צום צווייטן און מיט אלע אוינן זיך איינגעקוקט אויף דער כמארע, וואס האט זיך גערוקט אויף זיי. די יום־טובדיקע שטימונג איז פארשוואונדן. קיינער האט קלאר ניט געוואוסט, פארוואס מ׳דארף דא מורא האבן און פונדעסטוועגן האבן אלע מורא געהאט.

און די כמארע האט אלץ געוואקסן און גע־וואקסן, אראפלאזנדיק זיך אלץ נידעריקער און

נידעריקער. אט האט זי שוין פארשטעלט די זון, און אַ געדיכטע פינסטערניש האט ארומגע־וויקלט די ערד. די פויגעלאך און וואלד זיינען אנטשוויגן געוואָרן, און די מענשן האבן פאַר־שרעק זיך נאָך מער געגורעט איינער צום אנ־דערן.

— שאַ! איר הערט? — האט געזאָגט דער אַלטיטשקער.

הייַשעריק מיר, הייַשעריק...

דאָס איז געווען דעם הייַשעריקס קאמף־ליד. קיינער האט די ווערטער ניט פאַרשטאנען, ווייל דאָס זיינען געווען מענשן. אלע אָבער האָבן גע־הערט אַ זשומען מיט אַ קלאַפּן פון אַ סך, אַ סך פליגעלאך, און אַלע האָבן געזען ווי די כמארע וואַקסט און וואַקסט.

— אָי! ס'איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן פון דער

כמאַרע!—האָט אויסגעשריִען א קליין אינגעלע.

ער האָט געהאַלטן אין האַנט אן הײשעריִק. אַלע זײַנען זיך צונויפגעלאָפן זען, וואָס דאָס איז אַזוינס. אין דער זעלבער מינוט זײַנען אראָפגעפאַלן פון אויבן אויף דער ערד נאָך עטלאַכענע הײשעריִקן—און ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, ווי די גאַנצע כמאַרע האָט זיך געגעבן אַ לאָז אראפ אויף דער ערד מיט א קלאפערײַ און זשומערײַ, אַזש טויב צום ווערן. מענשן האָבן זיך פאַר די קעפ געכאַפט און געסטאַרעט אראָפוואַרפן פון זיך די הײשעריִקן, וועלכע זײַנען זײ פאַרקראָכן אין די אויערן, אין מויל, אין נאָז, אויף די בגדים און אונטער די בגדים, וועלכע האָבן זיך אײַנגעטשעפעט און פאַרפלאָנטערט אין די האָר. פרויען און קינדער האָבן געשריִען, מאַנסבילן האָבן געמאַכט מיט די הענט אַרום זיך און גע־נומען צו הילף די שטעקנס; זײ פלעגן טרעטן

די הײשעריקן מיט די פּיס—נאָר ס'האָט גאָרניט געהאָלפֿן: ס'האָט געהאַלטן אָן אַן אויפהער אין איין רעגנען מיט הײשעריקן. פֿאַרמאַטערטע און הילפלאָזע האָבן די מענשן זיך אַ לאָז געטאָן צו די הײַזער, שרײַענדיק און טאַכנדיק מיט די הענט. קײנער האָט זיך גאָר קײן עצה ניט געקענט געבן. נאָר אין די הײַזער איז דאָס בילד געווען ניט ווײניקער שרעקלאַך: וואו נאָר אַ שפּאַרונעלע, וואו נאָר אַ לאָך—אומעטום איז פול געווען מיט הײשעריקן: אויפן טיש, אונטערן טיש, אויפן בעט, אונטערן בעט, בקיצור, ס'איז קײן פרײַ שטיקל אָרט ניט געווען, וואו מ'זאָל זיך אַפילו קענען צוזעצן און אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אויב אומיצן איז יע געלונגען צו פאַרקלאַפּן טיר און פענסטער, פלעגן די הײשעריקן אַרײַנקריכן דורך די קוימענס און שפּאַרונגעס.

צוויי שעה נאָכאַנאַנד האָט געדויערט דער היישעריק־רעגן. לסוף איז דער הימל ריין געוואָרן, און די זון האָט זיך ווידער באַוויזן. אָבער די ערד!.. די ערד איז איצט געווען אינגאַנצן באַדעקט מיט די ברואים, וועלכע זיינען געווען זייער פּאַרטיפּט אין דער אכילה. די בוימער זיינען געווען באַלאַגערט, ווי פּעסטונגען; טויזנטער, צענדליקער טויזנטער אויף יעדן בוים; די צווייגן האָבן זיך אַזש געבראָכן אונטער דער שווערער משא. א ביטערער צער איז געבאַך געווען אויף די הויז־חיות: אויף הינט, קעץ, פערד און אויף די עופות: הינער, קאַטשקעס וכדומה; ווי די מענשן, אַזוי אויך זיי פלעגן ניט קענען זיך אָפּשלאָגן פון די היישעריקן, מיט וועלכע זיי זיינען געווען באַהאַנגען פון אויבן ביז אַראָפּ. די היישעריקן פלעגן זיי ביַסן, אָנטאָן שרעקלאַכע יסורים, און די חיות און עופות האָבן זיך גע־

ווארפן פון איין אָרט אויפן אנדערן, האָבן בי־טערלאַך געיאָמערט און זיך גאָר קיין עצה ניט געקענט געבן.

די מענשן זיינען געווען אויסער זיך; זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. פאַרצווייפלטע פלעגן זיי ארויסגיין אויף די בערגלאַך, כדי צו כאַפּן א קוק אויף זייערע פעלדער און גערטנער. ווײ־ווײ! אַלץ איז געווען געדיכט באַדעקט מיט היישעריקן. פול מיט יאוש פלעגן זיי אויפהויבן די אויגן צום הימל, זוכנדיק הילף. א שרעק! נייע כמארעס היישעריקן האָבן זיך געטראָגן פון דרום. זיי פלעגן ניט באַוויזן זיך אפילו פאַרן קאָפּ צום כאַפּן—און א נייער היישעריק־רעגן האָט פאַרפלייצט דאָס לאַנד. די אויפרעגונג און פאַרצווייפלונג פון די מענשן איז געווען אין־לשער.

נאָר אָט זיינען די מענשן ארויס פון די כלים, האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די הייזער, האָבן אָנ־

געבראָכן צווײַגן און אָנגעהויבן צו שלאָגן די הײַשעריקן מכּות-רצח. מיליאָנען הײַשעריקן זײַנען דערהרגעט געוואָרן פֿון די קלעפּ, נאָר ביליאָנען און טריליאָנען זײַנען אַרומגעקראָכן אַהער און אַהין, האָבן געפֿלויגן, געשפּרונגען, געפֿרעסן אויף וואָס די וועלט שטייט און געאַרבעט מעשׂים.

מ׳האָט אונטערגעצונדן די גראָז אין די ערטער, וואו ס׳איז געהאַט געווען אַממײַנסטן הײַשעריקן. דער פֿײַער האָט געטרעשטשעט, דער רויך האָט זיך געוויקלט, די גרינע גראָז און נעלע פֿעלדער האָבן געפֿלאַמט, און דער הײַשעריק, אַזוי ווי ניט אים מיינט מען, האָט זיך רואיק אויפֿגע-הויבן און אריבערגעפֿלויגן אויף די ערטער, וואו קיין פֿײַער איז ניט געווען. דאָרט האָט ער זיך ווידער גענומען צו זײַן מלאכה: קײַ און שפּײַ.

אין א נאָך גרעסערער פֿאַרצווייפֿלונג זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן די מענשן, דערזעענדיק, אַז אַפֿילו

קיין פייער נעמט איִם ניט. ביי אַלעמען האָבן זיך אראָפּגעלאָזן די הענט...

אַ גאנצע אַכטאָג האָט זיך דער הײשעריק גע־לאָזן וואוילגײן. ערשט, ווען אלץ איז שוין געווען פּארוויסט, ווען ס'איז שוין, ווי מ'זאגט, קיין שטײן אויף קיין שטײן ניט געבליבן, האָבן זיך די הײ־שעריקן אויפגעהויבן און אין א שרעקלאכער, גרויזאַמער כמארע אוועק ווײטער צו צפון צו; איבערן ים התיכון.

מיט שרעק, האָבן די מענשן זײ נאָכגעקוקט. חתן-כלה האָבן באַוואוינט זײער חרוב געוואָרענע הויז. די כלי־זמר האָבן פארוואָרפן די פידלען און דער אלטיטשקער איז פון גרוים עגמת־נפש געשטאָרבן.

דאָס גאַנצע לאַנד, א בליענדע און גליקלאכע, איז חרוב ומוחרב געוואָרן.

הארבסט־צײַט איז די שװעלבעלע, װי שטענדיק, אַװעקגעפלױגן קײַן אַפריקע. זי האט שױן געהאט אױסגעטראָגן און אױסגעזעסן אירע אײַעלאַך און פאַרבױסן מיט די לעצטע אינזעקטן. מיט דעם האָט זיך איר אַרבעט אױפֿן צפון געענדיקט. זי איז געװען אַן אַלטע, דערפאַרענע שװעלבעלע. א סך מאָל איז זי שױן געפלױגן אהער און אהין און דעריבער גוט געקענט דעם װעג. זי האָט אױך גענוי געװאוסט די ערטער, װאו מ'קען זיך אָפּשטעלן א ביסל אױסרוען די פאַר־מאַטערטע פליגעלאַך.

אױפֿן ים־התיכון איז געװען א װאונדערשײנער אינזל, װאו די שװעלבעלע פלעגט זיך שטענדיק אָפּשטעלן, בעת זי פלעגט פליען אױפֿן דרום. דער אינזל איז ניט געװען קײַן גרױסער, אזױ, אז אױף דער געאָגראַפישער קאַרטע האָט ער ניט געקענט אַרײַנפאַלן. דאָס האָט אים אָבער

ניט געשטערט צו זײַן באַצויבערנד שײַן און האָבן גרויסאַרטיקע סעדער, ברײטע פעלדער מיט אַל דאָס גוטס און שמעקעדיקע, בלומיקע לאָנקעס. אויך מענשן האָבן דאָרטן געוואוינט און חיות האָבן געלעבט. דאָרטן, אויף דעם אינזל, איז אויך געהאַט געווען דער שוועלבעלעס אַן אַלטער, גוטער באַקאַנטער, דער קלײנער, גרינער טשיזשיק.

קומענדיק איצט צופליִען אויפן אינזל און צו־זעצנדיק זיך אויפן בוים, וואו ס'האט געהאט געוואוינט דער טשיזשיק, איז די שוועלבעלע נבהל ונשתומם געוואָרן פון בילד, וואס האט זיך איר אנטפלעקט פאר די אויגן.

דער אינזל איז געווען ניִשט צום דערקענען. קײן קול פון קײן פויגעלע האָט מען אין וואלד ניט געהערט, ניט קײן פעלדער, ניט קײן לאָנ־

קעָס, ניִט קיַין חיות און ניִט קיַין מענשן. וויִסט און פֿאַרלאָזן זיַינען געשטאַנען די היַיזער מיִט בריַיט־פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע טיִרן און פֿענסטער. קיַין סיִמן פֿון קיַין זאַנג און קיַין סיִמן פֿון קיַין גרעזעלע איִז ניִט געווען. די בוימער זיַינען געשטאַנען נאַקעטע, אָן בלעטער און אַפֿיִלו אָן קאָרע; א סך פֿון זיי זיַינען געווען צובראָכן און די צוויַיגן פֿאַרטריִקנט. אַ שרעקלאַכעס ביִלד! אַ גרויזאַמעס ביִלד!

די שוועלבעלע האָט שוין געמיַינט, אַז זי האָט זיִך פֿאַרבלאָנדזשעט און איִז ניִט וויִלנדיִק פֿאַר־פֿלוינן אויף אַן אַנדער איִנזל. נאָר דאָ איִז צו איִר צוגעפֿלוינן איִר גוטער באַקאַנטער, דער טשיִזשיִק, און האָט זיִך ציִנגעזעצט לעבן איִר. אָ, ווי ער האָט איִצט אויסגעזען! ער איִז געווען שרעקלאַך מאָגער, איַינגעדאַרט, ווי א שפּאָן, די פֿעדערן צושויבערט און דער גאַנצער אויס־

זען אזא נעבאלדיקער, רחמנותדיקער.

— אום גאטעס ווילן!—האט אויסגעשריען די שוועלבעלע,—וואס זאל אט דאס אלץ באדייטן?

— כ'האב געוואוסט, אז דו וועסט עס מיר פרעגן—האט געענטפערט דער טשיזשיק. — דא אויפן אינזל בין איך אליין געבליבן לעבן און דאס פיל איך, אז, ניט היינט—מארגן, מיין סוף איז נאנט. איך בין אזוי צובראכן און אפגע-שוואכט, אז פון דרום מעג איך שוין פארגעסן.

— נאר... נאר וואס איז דא געשען?—האט נעפרעגט די שוועלבעלע.

— דער היישעריק איז אנגעפאלן—האט גע-ענטפערט דער טשיזיק—און ווי דו זעסט, חרוב געמאכט דעם גאנצן אינזל.

— כ'הויב דאס ניט אן צו פארשטיין—האט געזאגט די שוועלבעלע. — אנומלטן, וויט,. וויט

פון דאנען, אין דער טיפער אפריקע, האב איך געשמועסט מיט אן הײשעריק. ער האט געשפילט אויף א פידעלע און געגעסן גראז, ניט ברײנגענדיק קײנעם קײן שום שאדן... א, יע!.. װארט נאר, איך דערמאן זיך! דער הײשעריק האט געהאט פארזאגט זײנע קינדערלאך, אז זײ זאלן אװעק אויפן צפון... יע, נאך! אז אויף נאטס װעלט װעלן זיך באװײזן א סך, א סך, מיליאנען הײשעריקן...

— און זײ האבן זיך טאקע באװיזן—האט געזאגט דער טשיזשיק,—מיליאנען, ביליאנען, טריליאנען—ניט איבערצוצײלן. זײ זײנען אויף אונז אנגעלאפן, װי א שװארצע כמארע, און אלץ פארדארבן, אלץ צופרעסן.

— אז זײ האבן אויפגעגעסן די גראז און געװאוקסן - פארשטײ איך נאך — האט געזאגט די שװעלבעלע —װאו זײנען אבער די קי, פערד

און די איבעריקע בהמות? וואו זיינען די מענשן? כ'מיין, אז די הייזעריקן האבן זיי דאך ניט אויפגעגעסן.

— כמעט ווי זיי אויך — האט געענטפערט דער טשיזשיק, — נו, איבל דיר שוין דערציילן אלץ כסדר.

די שוועלבעלע האט דערפילט א פחד. זי האט זיך דערמאנט, ווי די מאמע־הייזעריק האט איר געהאט דאמאלסט אזוי נאכגעפרעגט וועגן די צפון־לענדער און, דערוויסנדיק זיך, אז דארטן איז דא געניג גרינס, האט זי פארזאגט אירע קינדער אוועקפליען אהין.

— ווי גאט איז דיר ליב! — האט אויסגעשריען די שוועלבעלע, — זאג מיר, וואו אהין איז איצט אוועק דער הייזעריק?

— אין די ארעמס פון טויט — האט גע־

ענטפֿערט דער טשיזשיק. —וויִיניק פֿון זיי זיַינען נאך געבליבן לעבן.

— נו, דערציִיל, דערציִיל! — האָט זיך געבעטן די שוועלבעלע.

דער טשיזשיק האָט איר דערציִילט, ווי אזוי דער היישעריק איז אָנגעפֿלויגן ווי א שוואַרצע כמאַרע, אויפֿן אינזל. די היישעריק-כמאַרע איז געווען באַרייטנד גרעסער, ווי דער אינזל, און דעריבער זיַינען אַ סך, אַ סך מיליאָנען היישע-ריקן אַרייַנגעפֿאַלן אין ים אַרייַן און זיַינען דער-טרונקן געוואָרן. די אָבער וואָס זוללוּ וכוזבאניקעס, וואָס האָבן באַדעקט דעם גאַנצן אינזל, האָבן אים אין אַ משך פֿון איין טאָג חרוב געמאַכט. זיי האָבן אויפֿגעפֿרעסן די גאַנצע גרינס, ניט אי-בערלאָזנדיק קיין גריניִנקן שטענגעלע אפֿילו...

—און דערנאָך? —האָט אומגעדולדיק איבער-

נעשלאָגן די שװעלבעלע.

— דערנאָך?.. יע! אין דעמזעלבן אָװנט האָט אױסגעבראָכן א מוראדיקע זאַװערוכע — האָט װײַטער דערצײלט דער טשיזשיק, — אָבער א שטורעם! אין מײַן לעבן האָב איך נאָך אַזעלכעס ניט געזען. ס׳האָבן זיך געקערט הימל און ערד. רע־בער פון הײַזער זײַנען אַראָפּגעריסן געװאָרן, בױ־מער אין װאלד זײַנען צובראכן געװאָרן, און שרעקלאך, גרױסע כװאליעס האָבן זיך אױפגע־הױבן אין ים, אַזעלכע גרױסע, אַז זײ האָבן אַזש דערגרײכט די שפּיצן פון די בערג, װאָס לעבן ים, דער שטורם האָט אומגעבראכט די גאנצע ארמײ הײשעריקן. ביליאָנען און ביליאָנען פון זײ זײַנען אומגעקומען, און די פגרים זײערע האָבן פארדעקט דעם גאנצן ים אַרום. דער ברעג־ים איז געװען פאַרלײגט מיט חמרים טױטע הײשע־ריקן, און יעדע כװאליע פּ״עגט צוברײנגן אַלץ

נײַע און נײַע פּגרים. דער סוף איז געווען, אז דער גאנצער אינזל אונזערער איז, ווי מיט א רונג, געווען אַרומגענומען מיט חמרים טויטע הײַשעריקן. שפּעטער האָט עס דער ים אַרויפּ-געוואָרפן צו אונז אויפן אינזל — און דאָ ערשט האָט זיך עס אָנגעהויבן...

— וואָס? — האָט אומרואיק געפרעגט די שוועלבעלע.

— די פּעסט — האָט מיט אַ זיפץ געענטפערט דער טשיזשיק.

— און דערנאך? — האָט געפרעגט די שוועל-בעלע.

— מיט דעם אײַנגמלאך איז שוין אלץ גע-זאָגט — האָט געענטפערט דער טשיזשיק — דער שטורעם איז, פאַרשטײט זיך, אַריבער, און אַ מוראדיקע שטילשווײַגעניש האָט פאַרנומען איר

אָרט. ס׳זײַנען אָנגעקומען שרעקלאַכע היצן, אַזעלכע שטאַרקע, אַז ס׳איז אין לשער. פון איגדערפרי ביז בײַנאַכט האָט די זון אומרחמנות־דיק געבאַקט, און ס׳איז געווען אַזוי הײס, ווי אין אַ קאַלכאויוון. מאַכטלאָז און פאַרשמאַכט זײַנען אַראָפּגעהאַנגען די פאַרטריקנטע נאַקעטע צווײַגן פון די בוימער. די וואַסערן האָבן זיך אויסגעדאַמפּט; מענטשן און חיות האָבן קײן כּח ניט געהאַט די פיס צו שלעפּן און זײַנען געזעסן אָדער געלעגן שטיל אויף אײן אָרט און גע־קרעכצט..

— און ווײַטער?

— נו, און דאָ האָט זיך צולאָזן אויף אַלע כּלים די פּעסט — האָט געזאָגט דער טשיזשיק — די פּגרים פון די הײשעריקן, וואָס דער ים האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן אינזל, האָבן אָנגע-

הויבן פוילן און פארשפרייטן אזא עיפוש, אז ס'איז געווען ניט צו דערהאלטן. די גיפטיקע און צופוילטע נאזן האבן ווי א נעפל ארומגעוויקלט אונזער אינזל. מענשן און חיות זיינען קראנק געווארן. פליגן פלעגן פאלן אין דער לופטן; פויגלען פלעגן מיט א הארצרייסנדן געשריי אראפפאלן מויטע אויף דער ערד. פערד און קי פלעגן אומקומען מאסנווייז; מענשן פלעגן אויסגיין אין שרעקלאכע יסורים. דערפון האט זיך די מגפה נאך מער פארשטארקט און אומ־געבראכט אלץ, וואס עס איז נאר געווען לעבע־דיק; נאר איך איינער בין עפעס על פי נס ניצול געווארן, נאר... נאר איך פיל... א—א—א... אז שוין... שוין... ניט לאנג וועט עס געדויערן... די כחות גייען אוים...

— שרעקלאך, שרעקלאך! — האט אויסגערופן

די שוועלבעלע — דער אײַנציקער טרייסט איז
כאָטש, וואָס דער הײַשעריק איז אומגעקומען.
און דו ווייסט, פאַרוואָס דאָס איז אלץ אזוי?
די גאנצע צרות קומען דערפון, וואָס דער הײַ־
שעריק בעתן עמן עפּנס צו ברייט די מויל.
דעריבער שפּײַט ער טאקי באלד ווידער אויס
אלץ, וואָס ער עסט. ווען ער וואָלט אָבער עסן,
ווי ס׳באדארף צו זײַן, וואָלט געסטאַיעט אי פאַר
אים אי פאר אלעמען. איכל זײַ דאס דורכאויס זאָגן,
ווען איכל זײַן איצט בײַ זײַ... נאר מערקווירדיק!
קענסט זיך גאָרניט פאַרשטעלן, ווי שײַן ס׳האָט
געשפּילט אויף איר פּידעלע די מאַמע־הײַשעריק!

אוודאַי איז די שוועלבעלע געבליבן זיצן און
האָט זיך פאַרטראכט. דערנאָך, אויסגלײַכנדיק
די פליגעלאך האָט זי געזאָגט:

— נו, מילא, מ׳דארף פליען ווײַטער. קום,

62
16